בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת מטות-מסעי,
מברכים חודש אב

כ"ו תמוז שנת תש"פ
לפ"ק

שנה 1, גליון 7



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייֶע מַעֲשֶׂה אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵר.

דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי:

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם. פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גִירוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן הָאט זֵיי גִילָאזְט צַוָואָה. אַז זֵיי זָאלִין אָן טְרֶינְקֶען בֵּיימֶער. אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ. נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט, אַז מוֹהֲרָ"א"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: "אַ תַּלְמִיד 'הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ' מוּז יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע קְהִילָה בַּאשְׁטֵייט פוּן פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַ טֵייל זֶענֶען פוּן דִי חֲשׁוּבֵי הָעֵדָה - דִי אוֹיבְן אָן מֶענְטְשְׁן, אוּן אַ טֵייל זֶענֶען פוּן דִי פְּשׁוּטֵי עָם - דִי פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן; בַּיי אוּנְז אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען 'דִי חֲשׁוּבֵי הָעֵדָה - דִי אוֹיבְן אָן מֶענְטְשְׁן' דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, דָאס אִיז בַּיי אוּנְז דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, אוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ הָאט בַּיי אוּנְז נִישְׁט קֵיין חֲשִׁיבוּת, מֶען קֶען זַיין אַ יַחְסָן בִּיזְ'ן הִימְל, קְלוּג בִּיזְ'ן הִימְל... מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אֲפִילוּ זָאגְן אוֹיף אִים: "מִיט אִים אִיז גוּט זִיךְ אַדוּרְךְ צוּ רֶעדְן, עֶר הָאט אַ שֵׂכֶל הַיָּשָׁר"... - דָאס אַלֶעס אִיז גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דֶער מֵפִיץ וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג, עֶר פַארְשֶׁעמְט זִיךְ וְכוּ' מִיט אֵיין כַּוָונָה צוּ מְחַיֶה' זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז אַ חֲשִׁיבוּת".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי מֶען הָאט אַלְץ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָ"א"שׁ זִכְרוֹנוֹ

<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פַארְצֵיילְן (מֶדְרַשׁ תַּנְחוּמָא, פַּרְשַׁת בְּחֻקוֹתַי, סִימָן ה) אַז וֶוען יִפְתַּח הַגִּלְעָדִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עַמּוֹן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט גֶעווִאוּנֶען דִי מִלְחָמָה, וֶוען עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, וֶועט עֶר בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס וֶועט אִים אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעווִאוּנֶען דִי מִלְחָמָה אוּן זַיין טָאכְטֶער אִיז אִים אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פּוֹיק אוּן זִי הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעפּוֹיקְט פַאר אִיר טַאטֶע'ן, הָאט אִיר יִפְתַּח הַגִּלְעָדִי גֶעזָאגְט: "פְרֵיי דִיךְ נִישְׁט, ווַייל אִיךְ גֵיי דִיר מַקְרִיב זַיין פַאר אַ קָרְבָּן", אֲפִילוּ עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי נֶדֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן אַ חַי' אָדֶער בְּהֵמָה, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס עֶר מֵיינְט הָאט עֶר גֶעמוּזְט מְקַיֵּים זַיין דִי נֶדֶר.

פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "עֶר וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט גֵיין צוּ פִּנְחָס הַכֹּהֵן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ דַיָּין אוּן צֶעשְׁטֶערְן דִי נֶדֶר, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ נֶדֶר, אָבֶער אוֹיבּ גֵייט עֶר צוּ אַ דַיָּין אוּן עֶר זָאגְט פַארְן דַיָּין אַז עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, קֶען דֶער דַיין צֶעשְׁטֶערְן דִי נֶדֶר; אִיז פַארְוָואס אִיז יִפְתַּח הַגִּלְעָדִי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ פִּנְחָס עֶר זָאל אִים מַתִּיר נֶדֶר זַיין? אָדֶער זָאל פִּנְחָס הַכֹּהֵן קוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן הַרְגֶ'ענֶען זַיין טָאכְטֶער?" נָאר יִפְתַּח הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דֶער גֶענֶעַראל פוּן דִי אִידְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּ אִים, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר", אוּן פִּנְחָס הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ כֹּהֵן אַ זוּן פוּן אַ כֹּהֵן, אִיךְ גֵיי

<<<

לִבְרָכָה וִוי עֶר פְּלֶעגְט מְכַבֵּד זַיין דִי מֵפִיצִים, עֶר פְּלֶעגְט זֵיי גֶעבְּן כִּבּוּדִים, זֶעצְן אוֹיבְּן אָן וְכוּ׳, וַוייל נָאר דָאס הָאט גֶעהַאט אַ חֲשִׁיבוּת בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ; און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״בַּיי מִיר אִין דִי קְהִילָה אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין ׳הֲפָצָה׳ - הָאבְּן אַ חֲשִׁיבוּת״.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט וַוייטֶער: ״הֲפָצָה - אִיז זֵייעֶר אַ בְּרֵייטֶע פֶעלְד, עֶס אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדֶעם אֵיינֶעם צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק דֶערִין; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ וָואס פַאר אַ סָארְט הֲפָצָה עֶר זָאל טוּן, פּוּנְקְט וִוי וֶוען עֶס קוּמְט דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת און מֶען דַארְף בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה און מֶען וִויל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל טוּן דִי זֶעלְבֶּע סָארְט אַרְבֶּעט, נָאר יֶעדֶער טוּט לוֹיט זַיין מֶעגְלִיכְקֵייט, אֵיינֶער קֶען הַאקְן מִיטְ׳ן הַאמֶער און דֶער צְוֵוייטֶער קֶען נִישְׁט הַאקְן מִיטְ׳ן הַאמֶער אָבֶּער עֶר קֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן מִיט אַ צְוֵוייטֶע הִילְף, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט הֲפָצָה, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט אוֹיף זַיין וֶועג דָאס וָואס עֶס שַׁיינְט אִים.

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן יֶעדְן טָאג נָאכְ׳ן אַרְבֶּעט אַרוֹיס צוּ דִי הַייזֶער און זֶענֶען מֵפִיץ דֶעם רֶבִּי׳נְס לִיכְטִיגְקֵייט - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א - דִי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיס שֶׁפַע; און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט, אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר גֵייט אַדוּרְךְ אַ הוֹיז פוּן אַ מֵפִיץ וַוייזְט עֶר פַאר דִי בָּחוּרִים: ״קוּקְט אָן דֶעם הוֹיז - דָאס קוּמְט דוּרְךְ הֲפָצָה״. רֶעדְנְדִיג וַוייזְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי גַאסְן, זָאגְנְדִיג: ״גֶעבְּט אַ קוּק, דִי פִיר הַייזֶער בַּאלַאנְגֶען פַאר אַ מֵפִיץ וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶענְצְלִיךְ נָאר פוּן ׳הֲפָצָה׳, זֶעסְטוּ וָואס מֶען בַּאקוּמְט דוּרְךְ הֲפָצָה״, און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פְרֶעגְט: ״וָואס הָאסְטוּ? אַ גְרוֹיסֶע פַייג...! דִי מֵפִיצִים - זֵיי זֶענֶען מַצְלִיחַ״.

אוֹיךְ קֶענְסְטוּ גֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן ׳קַארְטְלֶעךְ׳ מִיטְ׳ן נוּמְבֶּער פוּנֶעם הַאטְלַיין - ׳קוֹל בְּרֶסְלֶב׳, און דוּרְךְ דֶעם קֶענְסְטוּ טוּישְׁן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן, עֶר וֶועט הֶערְן אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען קֶען לֶעבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ.

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אַיינְצוּקוֹיפְן, און דוּ טְרֶעפְסְט אַ מֶענְטְשׁ - גֶעבּ אִים אַ קַארְטְל, אוֹיבּ וִויל עֶר דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, אִיז נִישְׁט, עֶר מוּז דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, בַּאלְד טְרֶעפְסְטוּ אָן אַ צְוֵוייטְן וָואס דַארְף דָאס יָא, וֶועט עֶר עֶס נֶעמֶען.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פְרֶעגְט: ״דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט לַאכְן פוּן דִיר אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה? זָאל יֶענֶער לַאכְן, וָואס אִיז? אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אִיךְ פַארְגִין דִיר דָאס אוֹיךְ, אוֹיבּ יֶענֶער זָאגְט דִיר: ׳אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין גוּטְן לֶעבְּן׳, אִיז נִישְׁט, גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער״.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פְרֶעגְט: ״אַז דֶער נִישְׁט צוּ אַן עַם הָאָרֶץ, אַז עֶר וִויל אִיךְ זָאל אִים רַאטֶעוֶוען זַיין טָאכְטֶער זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר, זָאגְן חֲזַ״ל אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לָשׁוֹן: ״מִבֵּין תַּרְוַיְיהוּן אַבְדַת הַהִיא עֲלוּבְתָּא מִן עָלְמָא״, פוּן צְווִישְׁן זֵיי צְוֵויי אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן דָאס מֵיידְל.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צוּקָאכְט און בְּרוֹגֶז: ׳הֲיִתָּכֵן מֶען זָאל הַרְגְ׳עֶנֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד, אַ מֵיידְל וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, בִּשְׁעַת מֶען וָואלְט אִיר דָאךְ גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען?!׳ אָבֶער קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ טָאג טֶעגְלִיךְ צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ.

עֶס קֶען אַסַאךְ מָאל אוֹיסְקוּמֶען אַז עֶס זָאל זִיךְ מַאכְן מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישְׁן צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ און דֶעמָאלְט לַיידְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער און מֶען שֶׁחְט זֵיי; וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מֶען בְּלָאזְט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁרֵייט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן און מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - לַיידְן דִי קִינְדֶער, זֵיי לֶעבְּן מִיט שְׁרֶעק וְכוּ׳. און אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מַאן: ״פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, קֶענְסְט דָאךְ רַאטֶעוֶוען דַיין קִינְד?״ וֶועט עֶר זָאגְן: ״זִי זָאל מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, וַוייל זִי אִיז שׁוּלְדִיג״, אַז מֶען פְרֶעגְט דִי וַוייבּ: ״פַארְוָואס מַאכְסְטוּ נִישְׁט שָׁלוֹם? פַארְגֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אַבִּי דַיין קִינְד זָאל נִישְׁט וֶוערְן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט?״ וֶועט זִי עֶנְטְפֶערְן: ״עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען און עֶר דַארְף מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן״, און נָאכְדֶעם פַּאסִירְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי יִפְתַּחְ׳ס טָאכְטֶער, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג? בֵּיידֶע: ״מִבֵּין תַּרְוַיְיהוּן אַבְדַת הַהִיא עֲלוּבְתָּא מִן עָלְמָא״.

דֶערְפַאר הָאבּ שֵׂכֶל און זַיי דוּ דֶער וָואס גֶעבְּט נָאךְ, הֵייבּ דוּ אָן רֶעדְן שֵׁיין און בֶּעט אִיבֶּער; אֱמֶת, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶענֶעם אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען הַאלְט אַז מֶען אִיז גֶערֶעכְט. אָבֶּער עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער וֶוען מֶען בְּלָאזְט און מֶען רֶעדְט נִישְׁט און מֶען וָוארְט אַז יֶענֶער זָאל זִיךְ בְּרֶעכְן.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה? בֵּיידֶע הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ; פִּנְחָס הָאט פַארְלוֹירְן זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ און יִפְתָּח אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, זַיינֶע אֵיבָרִים הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁטַארְבְּן בִּיסְלֶעכְוַוייז פַאר עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן און וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז אִים אַרָאפְּגֶעפַאלְן שְׁטִיקְלֶעךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, שָׁם).

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשע״ט)

אייבּערשטער האט רַחְמָנוּת געהאט אויף דיר און דו האסט זיך דערוואוסט פון אַ וועג ווי אַזוי צו האבּן אַ שיינע לעבּן, פאַרוואס זאלסטו דאס נישט פאַרגינען פאַר אַ צווייטער איד אַז ער זאל אויך וויסן פון דעם וועג ווי אַזוי צו האבּן אַ שיינע לעבּן?!"

אַז דו ביסט מְקוֹרָב צום הייליגן רבּי'ן דאַרפסטו וויסן בּיי זיך: "איך קען העלפן מענטשן"; ווייל בּיים רבּי'ן איז דאָ עֵצוֹת אויף אַלעס, ווי אַזוי מְחַנֵךְ צו זיין די קינדער, ווי אַזוי צו רעדן מיט אַ ווייבּ, ווי אַזוי צו רעדן מיט עלטערן וְכוּ'.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: "אין 'היכל הקודש' מוז מען גיין הַפָּצָה, מען מוז טראַכטן עֵצוֹת 'ווי אַזוי קען איך מאַכן אַז נאָך אַ איד זאל זיך דערוויסן פון די זיסע עֵצוֹת פונעם הייליגן רבּי'ן'; עס איז נישט גענוג דאס וואס דו אַליין בּיסט שוין מְסוּדָר אינעם לעבּן, דו לעבּסט זיך שוין אַ חַיִים טוֹבִים, נאָר דו דאַרפסט דאס אויך פאַרגינען פאַר אַ צווייטן.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט: "דאס איז זיכער אַז יעדער תַּלְמִיד היכל הקודש מוז האבּן בּיי זיך אין קאַר אַ קליינע זעקל וואס ערהאלט אין זיך 'סְפָרִים', 'קוּנְטְרֵסִים', 'קאַרטלעך' וְכַדוֹמֶה, כְּדֵי אויבּ וועט זיך מאַכן אויפ'ן וועג אַז דו וועסט אָנטרעפן אַ מענטש וואס דאַרף חִיזוּק, זאלסטו גלייך האבּן אָנגעגרייט חיזוק אים צו געבּן און מְחַיֶה זיין".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרייט צו דער מְלַמֵד פונעם עלטסטן כִּתָּה פון שטעטל און געזאָגט צו אים: "איך האבּ זייער הֲנָאָה פון דעם אַז דו נעמסט יעדן טאָג די קינדער 'הַפָּצָה'; דו לייגסט אַריין אין זיי 'עַזוּת' זיך נישט צו שעמען פון אַ צווייטן מיט די הַפָּצָה".

און דער ראש ישיבה שליט"א זאָגט ווייטער אַז די אַלע אינגעלייט וואס גייען 'הַפָּצָה' זאלן מיט נעמען זייערע קינדער בּיים גיין, כְּדֵי זיי זאלן נִתְחַנֵךְ ווערן און אויפוואַקסן מיט הַפָּצָה, דאס זאל אַריין גיין אין זייערע בּיינער.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט אַז די אַלע וואס העלפן דעם מוֹסָד אין סיי וועלכע הינזיכט איז דאס אויך הַפָּצָה; ווי צום בּיישפּיל די אַלע וואס האבּן געהאָלפן מאַכן דעם עֵירוּב אין שטעטל, דאס איז הַפָּצָה.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאָגט ווייטער, דער עִיקָר איז נישט 'צו האבּן אַסאַך מענטשן אין אַ קְהִילָה', דער עִיקָר איז אַז מען טוט - מען פאַרשפּרייט דעם רבּי'נס ליכטיגקייט אִיבּער די וועלט; אֲפִילוּ נאָר צען מענטשן וואס 'טוען' איז מער ווערד פון אַ ריזיגע קְהִלָה פון צענדליגער טויזנטער מענטשן וואס זיצן סְתָם און טוען גאָרנישט.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאָגט: "קִרְיַת בּרעסלב יוֹכִיחַ; מענטשן וואונדערן זיך און פרעגן: 'ווי אַזוי בּויעט זיך דער שטעטל, אַזאַ שיינע פּלאַץ, פון וואו נעמט מען די געלטער פאַר דעם? אָבער דער תֵּירוּץ איז: מען דאַרף נישט קיין געלט דערצו, מען דאַרף אַפּאָר מענטשן וואס האבּן אַ רָצוֹן - אַ ווילן".

און דער ראש ישיבה האט געענדיגט דעם שמועס מיט אַ תְּפִלָה, דער אייבערשטער זאל העלפן, פון דעם פּלאַץ - 'קִרְיַת בּרעסלב' זאל אַרויס גיין אַ ליכטיגקייט פאַר די גאַנצע וועלט; און די אַלע וואס טוען זאלן האבּן כֹּחַ ווייטער צו טון, און די וואס האבּן נאָכנישט אָנגעהויבּן צו טון, זאלן פון יעצט אָנהייבּן צו טון און העלפן מיט וואס מען דאַרף.

דערנאָך איז דער ראש ישיבה שליט"א אַריין אין אַ שמועס פון 'חִינוּךְ', אַז די די וועג ווי אַזוי צו מְחַנֵךְ זיין קינדער איז אַז מען דאַרף אַריין לייגן אין זיי אַן אייגענעם ווילן, זיי זאלן אַליינס ווילן העלפן.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "אויפ'ן וועג פאַרנדיג צום שטעטל - קִרְיַת בּרעסלב, האבּ איך געפרעגט מיין טאָכטער תְּחִיֶ': "וואס וועסטו טון בְּמֶשֶׁךְ די קומענדיגע צען וואכן זומער אין שטעטל, זיך סְתָם דרייען, טאַנצן שטריק וְכוּ'? וואס וועסטו האבּן פון דעם? ענדערש רוף אָן די מְנַהֶלֶת און זאָג איר אַז דו ווילסט זיין אַ לערערין אין סקול".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אָפּגעשפּעט פון וואס עס טוט זיך אין די זומער קעמפּ'ס, אַ גאַנצן זומער טאַנצט מען: 'שוואַרץ' - 'ווייס'; 'שָׁמַיִם' - 'אֶרֶץ'; 'חֶסֶד' - 'גְּבוּרָה'...; וואס נעמט מען מיט פונעם גאַנצן זומער?!

זאָגט דער ראש ישיבה שליט"א אַז איין פּראָבּלעם שטעטל, דאס איז הַפָּצָה.

הָאבְּן מִיר, דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן אַז זוּמֶער ווילְן זֵיי נִישְׁט בַּאצָאלְן קֵיין שְׂכַר לִימוּד; מֶען רוּפְט אָן אַ טַאטֶע פוּן אָפִּיס עֶר זָאל בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר'ן זוּמֶער, זָאגְט עֶר: "אִיךְ הֶער אַז מַיין זוּן דְרֵייווְט פַאר'ן מוֹסָד, הָאסְטוּ דָאךְ שׁוֹין אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן מַיין זוּן, וְויל אִיךְ נִישְׁט בַּאצָאלְן קֵיין שְׂכַר לִימוּד"... פְּרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יְשִׁיבָה וואוּ זַיין בָּחוּר הָאט גֶעלֶערְנְט? דָארְט אִיז דֶער בָּחוּר גֶעלִיגְן אִין בֶּעט מִיט מָאווִיס דֶעם גַאנְצְן מֵעֵת לְעֵת, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן אִיבֶּער'ן טָאג, דִי מַגִידֵי שִׁיעוּר הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין טְרַייבְּן וְכוּ', דָארְט הָאט עֶר בַּאצָאלְט שְׂכַר לִימוּד פּוּפְצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ! - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער - אַ בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין אַ גֶעווִיסֶע יְשִׁיבָה, ווִי דָארְט גֵייעְן דִי בָּחוּרִים שְׁטִילֶערְהֵייט שַׁבָּת בַּיינַאכְט אִין וַואלְד רֵייכֶערְן אוּן קוּקְן מָאווִיס רַחֲמָנָא לִיצְּלָן, אָבֶער דָארְט צָאלְט מֶען שְׂכַר לִימוּד, אָבֶער בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה וָואס מֶען בּוֹיט אוֹיף דֶעם בָּחוּר, מֶען מַאכְט אִים פַאר אַ כְּלִי, אַ יֵשׁ, וְויל מֶען נִישְׁט צָאלְן.

אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הָאבְּן הַיינְט אַן אֵייגֶענֶעם עֶלֶעקְטֶערִיק בִּיזְנֶעס, דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אֵיין זוּמֶער צוּ הֶעלְפְן מִיט'ן בּוֹיעֶן אַ נֵייעֶ בִּנְיָן הַבֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְ'ן לֵייטֶער אוּן גֶעצוֹיגְן דִי גַאנְצֶע עֶלֶעקְטֶערִיק פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - הָאט עֶר זִיךְ עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיין לֶעבְּן.

וָואס טוּט מֶען אִין אַ 'גֶעהֶערִיגֶע קֶעמְפּ'? מֶען טַאנְצְט, מֶען שְׁרַייט, מֶען פַייפְט... אוּן לִכְבוֹד דֶעם בַּאצָאלְן דִי עֶלְטֶערְן פִיר - פִינֶעף טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ זוּמֶער, אָבֶער דָא בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ נֶעמְט מֶען דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן טַאנְצְן מִיט דִי אִינְגֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, מֶען לֶערְנְט אִיר אוֹיס וְוִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ 'מַשְׁפִּיעַ', אוּן אֲפִילוּ אִין דִי גָאר קִינְדֶער לֵייגְן מִיר אוֹיךְ אַרַיין זַאכְן וָואס זֵיי קֶענֶען מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן.

אַגַב הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶערוּפְן: "עֶנְק קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס מִיר הָאבְּן פוּן דֶעם אַז מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה פַאר דִי קִינְדֶער".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט, אַז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר פְּרֶעגְן אִיבֶּער זַיין זוּן וָואס לֶערְנְט אִין ... אַז דִי קִינְדֶער רוֹדְפְ'ן זַיין זוּן, מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אִים אַלֶע מִיאוּס'ע וֶוערְטֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס זַיין טַאטֶע פָּארְט קֵיין אוּמַאן, אוּן וִויפִיל דֶער טַאטֶע רֶעדְט מִיטְ'ן מְלַמֵּד וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, אוּן דֶער קִינְד וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, נָאךְ אַבִּיסְל וְויל דֶער קִינְד מֶער נִישְׁט ווִיסְן פוּן רֶבִּי'ן; הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר'ן טַאטֶען אַז עֶר זָאל שִׁיקְן דֶעם קִינְד אִין שְׁטֶעטְל חֵדֶר, דָארְט וֶועט מֶען אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, וַוייל אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים זֶענֶען זֵייעֶר וַוארֶעמֶע מְלַמְּדִים, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

דֶערְבַּיי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אַז יֶענֶער מְלַמֵּד אִיז גָאר דֶער גְרֶעסְטֶער מֵפִיץ... וַוייל עֶר הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "דָא אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב וָואס מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער, דָא שְׁלָאגְט מֶען יָא"...; יֶעצְט וֵויסְן שׁוֹין דִי קִינְדֶער פּוּנְקְטְלִיךְ וֶועלְכֶע מוֹסָד אִיז גוּט פַאר זֵיי.

דֶערְפַאר אִיז אַ נֵס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ מוֹסָד וואוּ מֶען קֶען אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן וֶועג פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מוֹרָא'דִיג אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ מְלַמְּדִים, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט אַמָאל אַ קִינְד דַארְף מֶען אִים נָאךְ אַלְץ מַחְשִׁיב זַיין, וַוייל סוֹף כָּל סוֹף זִיצְט עֶר דָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג מִיט קִינְדֶער, אָבֶער דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ מְלַמְּדִים זֶענֶען גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט מִיט קֵייטְן, ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר'ן רֶבִּי'ן: "מַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין קוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיין קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג' מְחִיגֶר - חֵלֶק א'
פָּארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת חֻקַּת בָּלָק תשפ"פ לפ"ק)